# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

די באריכטן ווערן אַראָפּגענומען פון די וועכענטליכע אַפּדעטיס וואָס ווערן געהערט אויפ'ן "קול נטרונא" טעלעפאָן ליניע, און איז דעריבער, שטייגערליך, רעדאַקטירט ספּעציעל עס זאָל דינען דעם מינדליכן באַנוץ. די פאָלגענדע נייעס איז אַ בלויזער ציטאַט דערפון וואָס מיר שיקן צוליב דעם גרויסן פאַרלאַנג, ככתבו וכלשונו.

מאנטאג פ' מטות מסעי תשע"ה

קול נטרונא

באַריכטן • אָפּהאַנדלונגען
אַנאַליזן • שיעורים • דרשות

718.873.0055

True Torah Jews Inc.
183 Wilson St. #162
Brooklyn NY 11211

Phone:
718.841.7053
Fax:
718.504.4513
Email:
info@truetorahjews.org

מעמבערשיפ
מיט נטרונא
$360
לשנה

# די מלחמה אקעגן די געשטארבענע עבודה זרה'ס

רעפארם גרופעס אין אמעריקע און איבער די וועלט האבן לעצטנס אויסגעדריקט אויפברויז נאכדעם וואס א רעליגיעזער חבר הכנסת פון די ש"ס פארטיי האט זיך אויסגעדריקט מיט באליידיגנדע אויסדריקן קעגן די רעפארמער, די ווערטער וואס האט געגעבן אנצוהערן אז ער באטראכט נישט די רעפארמער ווי א חלק פון אידישן פאלק האט זיי זייער אויפגעברויזט און שארפע פארדאמונגען האט זיך געהערט פון אלע זייטן. פארשידענע רעפארמער געמיינדעס אין אמעריקע, וועלכע זענען גרויסע שטיצער פאר די מדינה, האבן הויעך געטומלט אויף די באליידיגונג און געפאדערט מחילה.

ענדגילטיג האט אויך דער ראש הממשלה ביבי נתני' זיך אנגענומען פאר די פארשעמטע רעפארמער און קלארגעשטעלט אז זיין מדינה טוט אודאי יא רעספעקטירן רעפארמער און זעט אין זיי א שטארקע העלפער פאר די מדינה און פארן ציוניזים.

עס איז א העכסט טראגי-קאמישער ערשיינונג אז א חבר הכנסת וואס דינט אלס א חלק כחלק אין די גרעסטע שמד אפאראט אין דער אידישער געשיכטע, און איז פאקטיש אן עצם מעצמיו פון א מלכות המינות וואס איז באזירט און פונקציאנירט אויף העברת פי ה' און מרידה בה' ובתורתו הק', טראגט דאגות און פירט קאמפן מיט אזא עבר זמנו'דיגע באוועגונג ווי די "רעפארמער" וואס איז שוין לאנג "עבר עליו הקלח", און דינט שוין נישט ווי א ממשיות'דיגע סכנה פאַר'ן גרעסטן טייל פון כלל ישראל. אבער די מדינה הטמאה וועלכע איז די ריכטיגע ממשיך וואס זעצט פאר דאס וואס די רעפארמער האבן נישט געענדיגט, צו אויס'שמד'ן אידישע קינדער בקום ועשה, דערמיט האט מען אַ קנאַפּע פראבלעם, אדרבה מען געניסט פון איר און מען שיצט איר בכל עת מצוא.

## אותו יצר הרע העבירו מלבבכם:

אין ספר קול יעקב פון הג"ר יעקב טייטלבוים ז"ל ווערט געברענגט אן אימרא נאה וואס דער מחבר האט געהערט פון זיין רבי'ן הגאון האדיר רבי מאיר אריק ז"ל, ווען ער האט אמאל גערעדט בגנות פון די טומאת הציונות האט הגאון רבי מאיר אריק געזאגט: מגידים און רבנים גלייכן צו רעדן פון אלטע עבודה זרה'ס, עס איז גרינג צו רעדן קעגן די צדוקים, קעגן כת ש"ץ און די שפעטערדיגע איזמען פון השכלה און רעפארם, דאס זענען אלטע עבודה זרה'ס וואס שטערן שוין קיינעם נישט, אבער פון די נייע עבודה זרה'ס, א שטייגער פון דאס ציוניזם, דערפון וויל מען נישט רעדן... דאס איז דאך נוגע אויף למעשה דערפאר איז מען זיך מתעלם דערפון און מען רעדט ליבערשט פון אלטע עבודה זרה'ס וועלכע זענען שוין עבר ובטל מן העולם.

עס שטייט אין ספה"ק ויואל משה מאמר ישוב ארץ ישראל סימן קמ"ה אז אזוי זעהן מיר אין מדרש ילקוט פרשת שמיני, משה רבינו האט געזאגט פאר אידן מפי הגבורה, ויאמר משה זה הדבר אשר צוה ה' תעשו אמר להם משה לישראל אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם, **"שצריך לראות בכל דור ודור איזה יצר הרע השולט אז ודייקא אותו היצה"ר צריך להעביר מן הלבבות, כי זה עיקר צורך ההתגברות נגד היצר הרע המתגבר ומתחדש בעתו ובזמנו"**. עס איז נישט קיין קונץ צו לוחם זיין אויף אלטע יצר הרע'ס און אלטע עבירות, די עבודה וואס פארלאנגט זיך איז דער "אותו יצר הרע העבירו מלבבכם", די גרעסטע קאנצעטראציע דארף זיין אויף דעם יצרא דמינות וואס איז שולט אין יענעם דור.

נטרונא האט פאסיג רעאגירט אויף די געשיכטע אין א מעסעזש וואס איז ארויסגעשיקט געווארן פאר

### רצון קדשו של מרן רבינו הקוה"ט זצוקללה"ה

**... לדעתי אפשר לקבץ אפילו אלף אנשים מבני ישראל הכשרים שירצו להשתייך למסגרת זו... וזה יהיה כח גדול בע"ה....**

**אם אין לנו קיבוץ מאוחד של אנשים הרשומים בחבורתינו, אז מבטלים אותנו ואת כל פעולותינו, ואומרים, מי הם ? וגם באמעריקא אף שמדינה זו מרובה היא באוכלוסין, מכל מקום חבורה של אלף איש נחשבת כחבורה חשובה, ואפשר לקבץ אנשים גם משאר מדינות, מחוץ לגבולות ארצה"ב.**

לכל פעולה שרוצים לעשות נחוץ כסף לדבר, ובלעדי מעות אינו אפשר לעשות כלום, ולדאבונינו אין הפרוטה מצויה... ואין בדעתי ח"ו להטיל עול של סכום גדול על יחידים, אלא חושב אני שכל יחיד יתן בסך הכל רק 10 דולר לשנה, בתור דמי חבר, ומזה יתקבץ לערך סכום של 10,000 דולר לשנה, ובסכום כזה אפשר בס"ד לפעול הרבה..

(מספר בוצינא קדישא)

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

טויזנטער,

אז ווען מיר האבן א

פראבלעם מיט רעפארמער האבן

מיר געוויס א פראבלעם מיט דעם ציוני'סטישן אידעאל וואס האט פאקטיש "רעפארמירט" אידישקייט צו נאציאנאליזם, און אז די וואס ווילען אן ארטאדאקסישע אידישע מדינה זענען ענדליך צו א משומד וואס וויל עסן בשר חזיר גע'שחט'ן דווקא מיט א כשר'ע שחיטה למהדרין מן המהדרין.

עס איז די גרעסטע בזיון וקצף פאר די קדושי עליון ושרפי מעלה וואס האבן לוחם געווען מלחמת ה' און מייסד געווען במסירת נפש די ארטאדאקסיע, אז די גרעסטע כפירה און טומאה, דאס רעיון הציוני - וואס פארקערפערט אין זיך אלע טומאות זייט דעם נחש הקדמוני, זאל גאָר קונה שם זיין אלץ אן 'ארטאדאקסישע' אידישע מדינה וואס איז גאר לוחם קעגן רעפארם... עס זאל חלילה נישט קיין מקום לטעות אז די ארטאדאקסישע אפיקורסים זענען ממשיכים פון די קדושת החתם סופר ותלמידיו אדער פון הייליגן דברי חיים און די אלע גדולים וקדושים אשר מפיהם אנו חיים זכר צדיקים לברכה, נאר עס איז קיין צווייפל אז אט די 'ארטאדאקסישע' רעליגיעזע אפיקורסים, זיי זענען עס די ריכטיגעממשיכים פון די ארגינעלע דעסויער השכלה, וואס זענען ממשיך לקעקע ביצתן של ישראל מיט די היינטיגע נסיון פון מינות און אפיקורסות.

דער נחש הקדמוני האט מחדש געווען ביים חטא עץ הדעת, א מהלך ווי אזוי מקען מסית ומדיח זיין מענטשען לעבירה, דער ענין פון "כל המוסיף גורע" דחפה עד שנגעה בו, אמר לה כשם שאין מיתה בנגיעה כך אין מיתה באכילה, ווען מען איז מוסיף מיט זייטיגע הוספות איז מען גורע פון דעם ציווי ה'. ביי אונזער פאל טוט דער היינטיגער נחש הקדמוני אריינלייגען אלע אמצעים אז מ'זאל זיך קאכן אין אנדערע ענינים און איזמען און מיט דעם גורע זיין פונעם עכטען פראבלעם, פון די שרעקליכען אומגליק די מלכות המינות, די מרידה במלכות שמים, פון דעם חירוף וגידוף איז אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם.

אין ענליכען פאל געפונעמן מיר אין א תשובה פון רביה"ק מסאטמאר אין שו"ת דברי יואל, ווי דער שואל פרעגט אן צי מ'זאל מאכען א מקוה טהרה פאר א רעפארם קהילה אלץ חשש התחברות דאתי לאמשוכי אביתרייהו, געוויסע האבן נישט געוואלט לאזן בויען א מקוה טהרה אין א רעפארמער קהלה, מען האט געוואלט מוסיף זיין מיט גדרים אז עס זאל נישט צוקומען צו התחברות מיט זיי, אבער רביה"ק זי"ע איז מבאר באריכות דעם חיוב צוצושטעלן א מקוה פאר יעדן איד, און רבי שרייבט מה נשתנה אז ביי רעפארם האט מען איבריגע זהירות און ווען עס קומט צו די גרויסע קליפה פון ציונות, דארט איז מען נישט חייש אויף התחברות און כבוד לרשעים. וזה לשון קדשו אשר הרבה איכא למידק מיני': *כאן הבן שואל מה נשתנה, ועוד יותר מזה שמחניפין את הרשעים ומגדלין ומנשאים אותם עד רום המעלה, גם למסיתים ומדיחים לציונות ולמינות ולכפירה ר"ל מנטלין ומנשאין עד למעלה ראש... אלא אדרבה האומרים שאין להתחבר לרשעים אומרים עליו שהוא שונא ישראל ומחרפים ומגדפים אותו וכשמגיע הענין לעשות מקוה טהרה לישראל מתחסדים כ"כ אף למנוע מטהרתן של ישראל... וע"ז נאמר דור תהפוכות המה ...*

## הבל הבלים אמר קהלת - די כינוסים אויף וואס נישט צו רעדן:

אין אט דעם זעלבן גייסט איז דעם חודש אנגאַזשירט געווארן אַ כינוס רבנים און אדמורי"ם פון די מועצת גדולי התורה אין ארץ ישראל. שוין לאנגע יארן וואס די מועצת גדולי התורה איז נישט אקטיוו אין קיין שום פינקציעס אדער פעולות פאר אידן אדער אידישקייט, געווענליך ווערט די ארגאניזאציע חוזר וניעור יעדע עטליכע יאר ווען עס ווערט פאררופן פרישע בחירות פארן כנסת המינים, דעמאלט הערט מען פלוצים פון די מועצת איבער דעם גרויסן חוב קדוש צו ראטעווען די בענקלעך און תקציבים. ווען דאס גייט אדורך איז די ארגאניזאציע ווייטער שטיל און פאסיוו, וחוזר חלילה ביי יעדע בחירות סעזאן.

איז דעריבער אין די רעליגיעזע גאס שטארק באגריסט געווארן די ערשיינונג אז אלע רבי'ס און אדמורי"ם פון די מועצת גדולי התורה זענען זיך דאסמאל צאמגעקומען אויף א זיצונג נישט אין צוזאמענהאנג מיט בחירות וכדומה. יעדער רעכטענקעדיגער מענטשן האט געוויס געקלערט אז אין א תקופה וואס אידן איבער די גאנצע וועלט זענען באזארגט פון שנאת ישראל צוליב די אנגייענדע התגרות פון די מדינה פירער; אין א זמן ווען אלע זעען שוין איין דעם גרויסן בראך וואס די מדינה האט געברענגט פאר אידן אין ארץ ישראל און איבער די וועלט; האט זיך געלאזט משער זיין אז דאס וועט כאטש ארויפגעברענגט ווערן פאר א דיון ביי די "מועצת גדולי התורה".

אבער לא מיני' ולא מקצתי'.

אין די רעזולאציעס פון דעם זעלטענעם כינוס ווערט למעשה בלויז באריט איין איינציגע נושא, די טעמע פון די טעכנאלאגישע כלים מיט פארשידענע סעיפים פון שטרענגע תקנות דערקעגן. מיט דעם הויבט זיך עס אן און דערמיט ענדיגט זיך די תוצאות פון דעם אסיפת המועצת.

אודאי צווייפלט קיינער נישט איבער דעם גרויסן חומר הדבר פון די כלים טמאים און דער אינטערנעט וואס איז ליידער מכשיל אידן מיט טומאה וזוהמה אויף א שרעקליכן פארנעם, און געוויס איז דער אינטערנעט אויך א שטארקער געצייג פאר די טומאת הציונות וואס ווערט דורך דעם ארייגעברענגט צווישן אידן וואס וואלטן קיינמאל נישט געהערט, געליינט אדער געזען אזויפיל דברי מינות פון ארגסטן סארט. אבער ווען לכבוד דעם ווערט נישט דערמאנט ביי די אסיפות אפילו כהדין גרמיזא הבא באחרונה די גרויסע טומאה וואס פלאגט דאס אידישע פאלק די מדינה הטמאה און זייערע גזירות השמד, דאן איז עס העכסט ווארשיינליך אן איינפאכער מיטל צו מאכן פארגעסן בזדון דעם עיקר יסודן של ישראל, די אמונה הצרופה אין די י"ג עקרים וואס ווערט ליידער אויסגעריסן דורך די מלכות המינות.

עס שיינט אז די רעליגיעזע הנהגה האט דערמיט גענומען די מערכה קעגן אינטערנעט עס זאל זיי דינען ווי א כסות עינים אויף דעם התחברות און הערצה צו דעם אם לכל עון ולכל חטאת, די גרויסע קליפת הציונות. אנשטאט מקיים זיין דעם "אותו יצר הרע תעבירו מלבבכם" זוכט מען

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

אנדערע פראבלעמען וואס זאל גוט אפעלירן צום דעת הרחוב און נישט אפסטעמפלן די גדולים אלס עקסטרעם אדער קנאים חלילה.

עס איז באקאנט די הוראה פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע (בספה"ק דבר"י פרשת נשא) אז אויב קומט מען זיך צוזאם רעדן איבער די פרצות הדור אבער מען רעדט נישט פון דעם עון החמור פון ציונות דאן איז דאס יצא שכרו בהפסידו, כש"כ ווען עס קומען זיך צוזאם די רבנים וגדולים פון די רעליגיעזע פארטייען ביי א כינוס, און מען לייגט בעיקר דעם דגוש אויף "וואס נישט צו רעדן", נישט צו רעדן פון די מדינה הטמאה, נישט צו רעדן פון די רעיון הכפירה, נישט צו רעדן פון דעם התגרות הנורא, און נישט צו רעדן פון די גזירות האיומות, נאר מען זוכט זיך אויס צו רעדן פון א נושא וואס שטערט קיינעם נישט, א מערכה וואס איז אנגענומען ביי אלע קרייזן - אידן און להבדיל גויים צוגלייך, און ווערט גוט אנטפאנגען אומעטום, מען לאזט זיך הערן מיט כרוזים ותקנות קעגן א דומם, אזוי אז דער קול מחאה גיט צוריק א הילכיגן ווידער-קול וואס געפעלט פאר אלעמען, ושלום על כולם.

עס וואלט טאקע געווען אינטערסאנט צו אנצייכענען אויף א סעיף אין דעם כרוז "ומי שאינו מקבל תקנות וגדרים אלו, הרי הוא עובר על גופי תורה החמורים, ופורץ גדר. *ויש להימנע מלהתחבר עמו*". - דאס איז אייגנטליך פון די זעלטענע פעלער ווען מיר הערן פון די מועצת אז עס איז יא פארהאן אן איסור התחברות, ס'איז הייסט יא פארהאן א מציאות ווען מען טאר זיך נישט מתחבר זיין מיט א צווייטן איד. מיט עוכרי ופושעי ישראל איז נישט דא קיין איסור התחברות, מיט א מדינה וואס יעדע רגע פון איר עקזיסטענץ איז עס כביכול מצער דעם בורא עולם איז נישט דא קיין פראבלעם פון זיין עצם מעצמיו, אבער יגעת ומצאת תאמין די רעגעליעזע אפיקורסים האבן נאך לאנגע חקירות ודרישות מציאה ממציאה ומציאה מחיפוש וחיפוש מחיפוש וחיפוש מנרות ונרות מנר אנגעטראפען א זעלטענעם פאל פון איסור התחברות, אלזא זיי זענען אויך קנאים, דער חילוק איז נאר וואו מען איז א קנאי. זייערע כינוסים, קול קורא'ס איז געצילט זיכער צו מאכען ביים המון אז דער פראבלעם פונעם דור, דער נסיון האחרון איז אלעס אויסער דעם רעיון הציוני, זיי זענען גרייט צו מאכען ריזיגע כינוסים אויף איסורים פון 'כתובת קעקע', עס וועט בכלל נישט זיין קיין פראבלעם פון שלעפען מאסן מענטשען, אבער מען איז נישט באקוועם צו דערמאנען אפילו דעם אקטועלער פראבלעם, די שורש פורה ראש ולענה פון לקיחת הגאולה לפני הזמן.

די מועצת שרייבן אויך אז אנשים שברשותם אינטרנט שלא עפ"י התקנות הנ"ל אין לסמוך עליהם כלל בענייני דת וכשרות ועבודת הקודש. וויפיל דברי זלזול האט מען במשך די יארן געהערט פון די רעליגיעזע מתחברים לרשעים אויף דעם קלארן דעת תורה ופסק הלכה וואס רביה"ק מסאטמאר זי"ע שרייבט אין די באקאנטע תשובה (שו"ת דברי יואל סימן קי"ח): *ומובן שמה שכתבתי לשאול את חכמי ירושלים אין כוונתי ח"ו לשאול לאותן שיש להם אפילו קצת נטי' למלכות המינות ר"ל, שזה מסמא עת העינים שלא להכיר את האמת בשום ענין שבעולם וכו',* אצינד הערן מיר די זעלבע ווערטער פון די חברי מועצת גדולי התורה, פארשטענדליך נישט אויף די מתחברים למינות, אבער אויף אנדערע פרצות, וואס איז מקובל און אנגעזען ביי אלע שיכטען און קרייזן.

## דער גרויסער ווייטאג ווען מען איז זיך חלילה מתעלם פון די עקרי יסודות האמונה:

אידישע קינדער ווייסן און גלייבן אז אלע עבירות זענען רע ומר בעיני ה', און יעדע חטא ועון איז א שרעקליכע פגם בשמי מעל. אבער ארגער פון אלעמען איז די ענינים פון מרידה בה' מינות ואפיקורסות וואס טוט חלילה אויסרייסן דעם שורש השרשים פון דעם קשר בין ישראל לאביהם שבשמים. ווי דער רמב"ם פסק'נט להלכה אין פירוש המשניות מסכת סנהדרין פרק חלק: *כאשר יאמין האדם אלה היסודות כולם ונתברר בה אמונתו בה' הוא נכנס בכלל ישראל ומצוה לאהבו ולרחם עליו ולנהוג עמו בכל מה שצוה הש"י איש לחבירו מן האהבה והאחוה, ואפי' עשה מה שיכול מן העבירות מחמת התאוה והתגברות הטבע הגרוע הוא נענש כפי חטאיו, אבל יש לו חלק לעוה"ב והוא מפושעי ישראל, וכשנתקלקל לאדם יסוד מאלה היסודות הרי יצא מן הכלל וכפר בעיקר ונקרא צדוקי ואפיקורוס וקוצץ בנטיעות ומצוה לשונאו ועליו נאמר (תהלים קלט) הלא משנאך ה' אשנא.*

עס שטייט אין תוספתא שבועות א, ג: אז אלע שעירי חטאת קרבנות ציבור אין בית המקדש, של ראש חודש ושל מועדים, זענען געקומען מכפר זיין אויף דעם עון פון טומאת מקדש וקדשיו, אפילו דעם הייליגסטן טאג יוה"ק זענען די פרים ושעירים הנשרפים געווען לכפר אויף טומאת מקדש וקדשיו און נאר דער שעיר המשתלח אליין איז געווען פאר אלע אנדערע עונות בני ישראל. קשה טומאת מקדש וקדשיו מכל עבירות שבתורה, שכל עבירות שבתורה מתכפרות בשעיר אחד (שנשלח לעזאזל),וטומאת מקדש וקדשיו מתכפרת בשלושים ושנים שעירים (של ר"ח, מועדים ויוה"כ). כל עבירות שבתורה מתכפרות פעם אחת בשנה (בשעיר לעזאזל) וטומאת מקדש וקדשיו מתכפרת בכל חודש וחודש.

*(ועי' מס' יומא כג ע"א: תנו רבנן מעשה בשני כהנים שהיו שניהן שוין ורצין ועולין בכבש קדם אחד מהן לתוך ארבע אמות של חבירו נטל סכין ותקע לו בלבו וכו' געו כל העם בבכיה בא אביו של תינוק ומצאו כשהוא מפרפר אמר הרי הוא כפרתכם ועדיין בני מפרפר ולא נטמאה סכין ללמדך שקשה עליהם טהרת כלים יותר משפיכות דמים.)*

עס איז מבואר די משמעות אז די עבירה פון מטמא זיין דעם בית המקדש, ששמו ית' נקרא על בית המקדש כדכתיב (ד"ה ב', ו') כי שמך נקרא על הבית הזה, איז עס געווען א געוואלדיגער גרויסער פגם, וויבאלד דאס האט אנגערירט דעם משכן ה' און נוגע געווען אין די נקודה פון דעם קשר בין ישראל לאביהם שבשמים. אין פנימיות הדברים זענען די סארט עבירות שרעקליך פוגם חלילה און דארפן דערפאר האבן אזא גרויסע כפרה.

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

אין
אונזער דור איז עס
דער קליפת הציונות והמדינה וואס דער גרויסער טומאת מקדשיו וקדשיו וועלכע איז נוגע אין יסודן ועיקרן של ישראל, ווי דער באקאנטער מימרא פון הגאון רבי חיים מבריסק ז"ל: "אסאך טומאות זענען געווען אויף דער וועלט, כלל ישראל האט געליטן פון מערערע כתות וואס האבן געזוכט עוקר צו זיין די אמונה פון אידן, אבער דעם שטארקסטן קלאפ האט דאס ציונות געברענגט אויפן כלל ישראל, זיי האבן אריינגעצילט אינעם פינטעל אריין". די מלכות המינות טוט ליידער פראקטיצירן מיט איר עצם קיום א ביטערע מרידה אין דעם מלך ישראל וגואלו, א בעיטה אין דעם גזירת הגלות, א הכחשה אין די בחירת ישראל בין העמים, און א כפירה אין די הבטחות התורה אויף די גאולה העתידה. דאס איז דער גרויסער טומאת מקדש וקדשיו וואס האט זיך משתלט געווען בפלטרין של מלך למרות עיני כבודו כביכול, ווי גרויס איז די כפרה וואס מיר דארפן ליידער האבן און ווי גרויס איז די תביעה ווען מען איז פארנומען מיט אנדערע עבירות בשעת מען איז זיך גענצליך מתעלם עין פון דעם גרויסן עיקר שבעקרים די טומאת מקדש וקדשיו.

דאס אלעס איז מבואר אין די פארכטיגע ווערטער פון די הקדמת הספה"ק ויואל משה: *אם ניקח כל פירצות הדור והעבירות המרובות הנעשות בכל העולם וישימו אותם בכף מאזנים אחת, ומדינה הציונות בכף מאזנים השני' תכריע את הכל, שהוא השורש פורה ראש ולענה של אבי אבות הטומאה שבכל אבות הנזיקים בכל העולם כולו.*

ווען מען רעדט פון פירצות הדור וואס ברענגט חלילה א חרון אף אויף אידישע קינדער ברויך מען געדענקן די ווערטער פון רמב"ן שמות פרק כ פסוק ג: *כי אנכי ה' אלקיך - ואנכי אל, תקיף, שיש לאל ידי, וקנא, שאקנא בנותן כבודי לאחר ותהלתי לפסילים, ולא נמצא בכתוב בשום מקום שיבא לשון קנאה בשם הנכבד כי אם בענין עבודה זרה בלבד, ואמר הרב במורה הנבוכים (א לב) שלא תמצא בכל התורה ובכל ספרי הנביאים לשון חרון אף ולא לשון כעס ולא לשון קנאה אלא בענין ע"ז בלבד ... וכך אמרו במכילתא (כאן) בקנאה אני נפרע מע"ז אבל אני חנון ורחום בדברים אחרים.* די גרעסטע חרון אף אויף אידן איז דא פונעם עון עבודה זרה וכפירה וואס ברענגט כביכול א קנאה וואס מען זעט נישט ביי אנדערע עבירות.

לגבי די עבירה פון עבודה זרה געפינען מיר טאקע אין רמב"ן אנפאנג סדר דברים - משנה תורה אז די תורה הק' איז ספעציעל מזהיר מערערע מאל אויף דעם ענין - **רק להזהיר את ישראל ברוב אזהרות כמו שיבאו בספר הזה בעניני עבודה זרה אזהרות מרובות זו אחר זו בתוכחות.** די פגם פון כפירה און עבודה זרה איז הארבער און שרעקליכער פון אלע עבירות אין דער תורה און מען ברויך דאס חזר'ן מיט אידן מער ווי סיי וואס, ווי באקאנט דער טייטש



# אפדעיטס און באקוועמליכקייטן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

ווי געמאלדן איז בעז"ה איבערגעפרישט געווארן דער גאנצער סיסטעם פון די קול נטרונא טעלעאן סיסטעם מיט נוצבארע אפדעיטס און הוספות, צו די צופרידנהייט פון די טויזנטער אריינרופער מכל רחבי תבל.

צום אלעם ערשט איז אינסטאלירט געווארן דער "בוק- מארק" קנעפל, וואס איז אויסגעשטעלט צו די באקוועמליכקייט פון צוהערער, וועלכע ווילן אראפלייגן אינמיטן א לענגערע באריכט און שפעטער צוריק רופן און אנקומען צו דעם ארט וואו מען האט געענדיגט דאס לעצטע מאל.

בשעת איר הערט א באריכט דריקט 00 און ווען איר קומט צוריק קענט איר אויפ'ן מעין מעניא דריקן 00 און איר וועט באלד אנקומען דארט וואו איר האט פאריגס מאל געהאלטן.

עס איז אויך איינגעשטעלט געווארן א בולעטין סיסטעם, דהיינו אז פון די וואך און ווייטער וועלן די וועכנטליכע באריכטן ארויפגעלייגט ווערן אויף א פארמאט אז מען זאל מיט א קנעפל קענען צוריקגיין צום פאריגן באריכט. ווען איר דריקט 7 וועט אייך דער סיסטעם פירן צו דעם פריערדיגן באריכט, 9 צו דעם קומענדיגן באריכט און 0* צוריק צו די באריכט די וואך. צו הערן גענוי ווי לאנג דער באריכט וועט נעמען דריקט 05.

דורך דריקן 01 ווערט דער באריכט שטייטער, דורך דריקן 03 ווערט עס שנעלער, און 02 גייט עס צוריק צו די ארגינעלע שנעלקייט.

באזונדער ארבעט יעצט מערכת קול נטרונא צו ערלעדיגן און באשטימען א ספעציעלע נומער פאר אחבנ"י אין ארה"ק, וואס בעטן שוין א לאנגע צייט מי יראינו טוב און פארלאנגען אז מען זאל זיי געבן די מעגליכקייט צו הערן די אויספירליכע באריכטן ודברי השקפה ואמונה אויף א לאקאלע נומער, עס איז אצינד פארהאן די זכות פאר אידן וואס ווילן מנדב זיין דעם ארץ ישראל'דיגן נומער און דערמיט האבן א טייל אין פרסום והפצת דברי אמונה צווישן שלומי אמוני ישראל, רופט אריין אין אפיס פון נטרונא מיט אייער נדבת הלב.

# נייעס און באַריכטן

### וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן איפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

פון צדיקים, אויפן פסוק אבדה אמונה נכרתה מפיהם, פארוואס איז אבדה אמונה ? ווייל עס איז נכרתה מפיהם - ווייל מען רעדט נישט קיין אמונה. ביי אמונה איז דער ענין פון כסדר רעדן בכל עת מצוא, ארויסברענגען פאר אידן דעם עמקות און אמיתיות פון די אמונה הצרופה, נאכזאגען פאר אידן פסוקי התנ"ך, איבער'חזר'ן דברי חכמינו ז"ל, און לערנען איינמאל און נאכאמאל די ווערטער פון ראשונים כמלאכים און די ספרי קודש געשריבען פון בעלי רוח הקודש. אבער ליידער איז דייקא אין דעם ענין נישט דא קיין כינוסים, קיין הסברים, און קיין אינטערעסע. די יסודות'דיגע ענינים פון גלות וגאולה און אמונה בה' אלקי ישראל איז נישט וויכטיג, נישט אקטועל, און נישט רעלעוואנט.

די ווייטאג איז נאך מער שטייענדיג אין א זמן ווען די מדינה באקומט מער און מער א חרדי'שע צורה פון א אידישע מדינה אדאנק די ברייטע השתתפות פון אלע רעליגיעזע פארטייען אין די קאאליציע. אין די לעצטע תקופה ווערט אויך געמאכט פארשריט ארום דעם געזעץ וואס וועט באשטימען אז די מדינה איז א 'מדינה יהודית'. אפילו ווען מען נעמט זיך שוין יא די מיה צו רעדן אקעגן די גזירות אין די ארצינו הקדושה, אבער מען פארגעסט פון דעם שורש השרשים פון לקיחת הגאולה לפני הזמן. ווען עס קומט צו מוחה זיין איבער די בגידה אין מלכות שמים, אויף דעם על הגאולה ועל התמורה, אויף די העברה על השבועות, איז דא א תענית הדיבור, אין פוצה פה ומצפצף בעוה"ר. אידן האמונים עלי אומן וואס זענען נתגדל געווארן בבית מדרשו של רביה"ק מסאטמאר זי"ע ווייסן אז די אלע גזירות האיומות - זאל זיין ווי הארב עס איז - איז אבער בלויז דער "פועל יוצא" פונעם גרויסער פראבלעם, די אבי אבות הטומאה המתקריא מדינת ישראל, אבות מכלל דאיכא תולדות, דאס זענען בלויזע סיפטאמען פון די מחלה ה"י, און נישט אז די מדינה איז נאר א "פועל יוצא" פון די גזירות. פון אלעם וועט מען רעדן און זיך צוזאמקומען אבער נישט פון דעם אבי אבות הטומאה ליידער.

אזוי געפונען מיר אויך ביי די פרשה פון פלגש בגבעה וואו אידן זענען נענש געווארן ביי די מלחמה, ווייל השי"ת האט געזאגט: *"אמר הקב"ה על כבודי לא מחיתם, בפסל מיכה. ועל כבוד בשר ודם, פלגש בגבעה, מחיתם."* הגם דארט האט זיך עס אויך געהאנדלט פון א גרויסע עבירה וואס אידן האבן געהאט א חוב מוחה צו זיין דערויף, אבער וויבאלד זיי האבן נאר אויף דעם לוחם געווען, וואס האט שייכות מיט אבשר ודם און פארגעסן פונעם כבוד שמים, איז געקומען דער עונש, והדברים נוראים עד היכן הדברים מגיעין אז דייקא די וואס רעדן אסאך פון עוונות בני ישראל זיי זענען מער מער מחיוב צו רעדן פון כבוד שמים פי כמה.

שטייענדיג אין די זמנים ווען אידישע קינדער זענען מתאבל אויפ'ן חורבן, איז א זמן גרמא צו מקונן זיין אויף דעם התפשטות הטומאה והעדר הדעת אין דעם דור שפל, ציון אין דורש לה מכלל דבעי' דרישה, וכל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בנחמתה במהרה בימינו.

## לזכרון עולם בהיכל ה'.



מיט צער און ווייטאג האט מען אויפגענומען די פריצייטיגע בשורה פון האברך החשוב, עדין הנפש יקר רוח וירא שמים מרבים, מו"ה יוסף מענדל האס ע"ה, וואס איז בעוה"ר אוועקגעריסן געווארן אין פריען עלטער מתוך יסורים שקבלם באהבה.

דער חשוב'ער נפטר ע"ה איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע יראתו קודמת לחכמתו, ירא שמים מרבים ועושה מלאכתו באמונה. צווישן זיינע אנדערע חשוב'ע פעולות האט ער אויך געהאט די זכי' צו ארויפלייגן די פילצאליגע הייליגע תורות פון רביה"ק זי"ע אויף די מערכת קול נטרונא. ער האט עוסק געווען אין די עבודת הקודש מיט א נאמנות און אן ערליכקייט מיט'ן איינציגן ציל צו מזכה זיין אידן און פארשפרייטן דעם דבר ה' אשר הי' אל יואל בתוך אמוני עם סגולה.

והלך לפנו צדקו, זאלן זיינע פילע מעשים טובים דינען ווי א זכרון נצח לטובת ולעילו נשמתו בגנזי מרומים, בעל הרחמים יסתירהו בסתר כנפיו לעולמים, ויצרור בצרור החיים את נשמתו. השי"ת זאל מנחם זיין די גאנצע פאמיליע בתוך שאר אבלי ציון וירושלים ולא נוסיף לדאבה עוד, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די יעודת הנבואה פון 'הקיצו ורננו שוכני עפר' בב"א.